**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעקט אויף נאך 37 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג צו שטיצן קונסט און קולטור ארגאניזאציעס ביי באנייאונג צערעמאניע פון PERELMAN ARTS CENTER**

***אינוועסטירונג וועט ארויפבויען אויף 132 מיליאן דאלאר אין NYSCA אינוועסטירונג גרענטס וועלכע זענען שוין צוגעטיילט געווארן אין 2023***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ביז אזויפיל ווי 37 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג איז דא צו באקומען פאר נאָן-פראַפיט קונסט און קולטור ארגאניזאציעס דורך די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק'ס ( New York State Council on the Arts, NYSCA) 'אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן קאסע' (Capital Projects Fund). דער פאָנד האט צוויי גרענט קאטעגאריעס: קלענערע און מיטל-מעסיגע קאפיטאל פארבעסערונג גרענטס און גרויסע קאפיטאל פארבעסערונג גרענטס. די אינוועסטירונג בויט ארויף אויף די קרוב צו 132 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג גרענטס וועלכע זענען געמאכט געווארן דורך NYSCA פריער דעם יאר, אריינרעכענענדיג א נייע פינאנצירונג געלעגנהייט אויסגעשפרייט איבער עטליכע יאר צו ערמעגליכן גרויסארטיגע אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן וועלכע שטעלן קאמיוניטי אנטוויקלונג און דאס באַרייכערן פובליק פלעצער אלס פריאריטעטן. גאווערנער האקול האט אנאנסירט די נייע פינאנצירונג ביי די באנייאונג צערעמאניע פאר די Perelman Arts Center, א גענצליך נייע פלאץ פאר פארשטעלונגען וואס באשטייט פון דריי ערשט-קלאסיגע זאלן וואס איז געבויט געווארן אויף די שטח פון די וועלט האנדל צענטער אין לאָווער מאנהעטן.

"ניו יארק'ס קונסט און קולטור סעקטאר איז א הויפט באשטאנדטייל פון באַרייכערן פובליק פלעצער, טוריזם און אונזערע ראיאנישע עקאנאמיעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך די טראנספארמאטיווע פינאנצירונג, בויען אונזערע קונסט און קולטור ארגאניזאציעס אויף א שטערקערע, באַרייכערנדע צוקונפט דורכן שאפן דזשאבס און צושטעלן סערוויסעס פאר ניו יארקער און באזיכער וועלכע קומען געניסן פון אלעס וואס מיר האבן צו אפפערן."

NYSCA'ס אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן קאסע וועט שטיצן קונסט און קולטור נאָן-פראפיט ארגאניזאציעס וועלכע זוכן צו באקומען סטעיט רעגירונג געלטער פאר אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען וואס ערלויבן ארגאניזאציעס צו אנהאלטן און אויסברייטערן קולטורישע פראגראמען פאר פארשידנארטיגע צושויער, צו שטופן פאר צוגענגליכקייט און פאר ענווייראמענט-פריינטליכקייט, צו היטן אויף דזשאבס און שאפן נייע און ביים סוף צו ביישטייערן צו די וואוקס פון ניו יארק'ס לעבעדיגע קונסט און טוריזם פעלדער.
די צוויי פינאנצירונג געלעגנהייטן זענען:

- **קלענערע און מיטלמעסיגע אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונג גרענטס פאר קונסט און קולטור:** די געלעגנהייט פינאנצירט מיט גרענטס פון ביז 2 מיליאן דאלאר פראיעקטן און נאָן-

פראַפיט קונסט און קולטור ארגאניזאציעס פון סיי וועלכע גרויסקייט וועלכע שטעלן צוגענגליכקייט, קונסטליכקייט, קולטורישע אנטוויקלונג, ענווייראמענט-פריינטליכקייט, געזונטהייט און זיכערהייט און סטרוקטורישע און היסטארישע פארבעסערונגען אלס פריאריטעטן. $10,000, $25,000 און $50,000 אין גרענטס אן מעטשינג זענען דא צו באקומען פאר ארגאניזאציעס מיט אפערירנדע בודזשעטס פון ווייניגער פון 2 מיליאן דאלאר. שטארקע פראיעקטן שטעלן צוזאם אויסגעצייכנטע דעזיין מיט קלוגע באשלוסן איבער די קאפאציטעט פון די ארגאניזאציע און די באדערפענישן פון די קאמיוניטי — און דערמיט וועלן זיי האבן א פאזיטיווע ווירקונג אויף די צוקונפט פון קונסט און קולטור ארגאניזאציעס אריבער גאנץ ניו יארק.

- **גרויסע אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונג גרענט פאר קונסט און קולטור:** די געלעגנהייט פאר פינאנצירונג אין לויף פון עטליכע יאר וועט שטיצן קונסט און קולטור נאָן-פראפיט ארגאניזאציעס אריבער די סטעיט וועלכע נעמען אונטער איינפלוסרייכע, גרויסארטיגע אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען. גרענטס וועלן זיין צווישן 2 מיליאן דאלאר און 10 מיליאן דאלאר פאר פראיעקטן וועלכע קאסטן אין סך הכל 4 מיליאן דאלאר אדער מער. די פינאנצירונג געלעגנהייט וועט שטיצן אינוועסטירונגען וועלכע ערמעגליכן ארגאניזאציעס צו בליהען דורכן אויסברייטערן קולטורישע פראגראמען, אנקומען צו נייע און פילפארביגע צושויער און דורכן שטופן פאר צוגענגליכקייט. די גרענטס וועלן אויך העלפן פאראויס שטופן די סטעיט'ס ציהלן ארום עקאנאמישע אנטוויקלונג, פארשידנארטיגקייט, גלייכקייט און אריינגנעמיגקייט, און עס וועט אויפפאדערן אלע אפליקאנטן זיך צו פארפליכטן צו געזעלשאפטליכע גלייכקייט איניציאטיוון און צו צוטריט פלענער וואס דינען אלע ניו יארקער.

די אפליקאציע פארטאל און אנווייזונגען פאר די געלעגנהייטן זענען יעצט אפן, און מען קען אנקומען צו זיי אויף NYSCA'ס וועבזייטל: arts.ny.gov. די טערמין ביז ווען אויסגעפולטע אפליקאציעס קענען אריינגעגעבן ווערן איז יאנואר 11, 2024. אלע בארעכטיגטע ניו יארק סטעיט נאָן-פראַפיט קונסט און קולטור ארגאניזאציעס ווערן געמוטיגט צו אפלייען פאר NYSCA'ס 'אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן קאסע'. NYSCA וועט אויך אפהאלטן וועבינארן איבער דעם אפליקאציע פראצעדור, און אזוי אויך וועט זי אפהאלטן מערערע אפיס סעסיעס דורך די אינטערנעט פאר אפליקאנטן צו באקומען איינציגווייזע הילף בעפאר די יאנואר 11, 2024, טערמין. קערפערשאפטן וועלכע וועלן מעגליך ווילן אפלייען און זענען אינטערסירט אין שטיצע מיט די געלעגנהייט פאר די גרויסע אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן גרענטס זאלן זיך דורכרעדן מיט NYSCA אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן איינגעשטעלטע צו זיכער מאכן אז זייערע פראיעקטן זענען איינשטימיג מיט די פריאריטעטן פון דעם פראגראם בעפארן אפלייען.

זינט 2018 האט NYSCA פארטיילט 302 אינפראסטרוקטורישע גרענטס פאר א סך הכל פון 182.5 מיליאן דאלאר אריבער אלע 10 סטעיט ראיאנען דורך די שטיצע פון די גאווערנער און לעגיסלאטור. אין פיסקאלע יאר 2023 זענען קרוב 50% פון די פינאנצירונג געשאנקען געווארן פאר ארגאניזאציעס מיט בודזשעטס פון 3 מיליאן דאלאר אדער ווייניגער. די פראיעקטן פארגרעסערן די קאפאציטעט פון באשעפטיגונג און רוקן פאראויס קולטורישע צוזאמקונפט ערטער אלס טוריזם דעסטינאציעס, פארשטערקערנדיג ניו יארק'ס גאסטגעבונג, עסנווארג און געטראנקען און ריטעיל געשעפטן סעקטארן.

אין צוגאב צו די 'אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן קאסע', וועט NYSCA פארטיילן 90 מיליאן דאלער אין נישט-אינפראסטרוקטורישע גרענטס פאר קונסט ארגאניזאציעס און פאר ארטיסטן אין פיסקאלע יאר 2024. די קערפערשאפטן/אינדיווידואלן צו באקומען די גרענטס וועלן אנאנסירט ווערן ביז סוף פון די לוח יאר.

**ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק פארזיצערין, קעטערין ניקאָלוס, האט געזאגט,** "אין נאמען פון NYSCA'ס איינגעשטעלטע, קאונסיל און אונזער קונסט און קולטור קאמיוניטי, אנערקענען מיר

גאווערנער האקול און אונזערע סטעיט געזעצגעבער פאר זייער אנגייענדע היסטארישע שטיצע פון די ניו יארקע קונסט און קולטור סעקטאר. אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג פראיעקטן האבן א ברייטע השפעה דורכן שאפן דזשאבס און דורכן באפעסטיגן די יסודות, פארברייטערנדיג ווי ווייט-גרייכנד די השפעה איז פון ארגאניזאציעס וועלכע זענען צענטראל אין אונזערע קאמיוניטיס. די פראיעקטן וועלן האבן א ווירקונג אויף פילע צוקונפטיגע דורות."

**סטעיט סענאטאר האָוזעי סערענאָ האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ אז ניו יארק סטעיט אנערקענט די געוואלדיגע השפעה וואס קונסט און קולטור ארגאניזאציעס האבן אריבער אונזער גאנצע סטעיט. יעדע דאלאר וואס ווערט אינוועסטירט אין קונסט צאלט זיך צוריק אין גרויסן פאר אונזערע קאמיוניטיס, אריינרעכענענדיג מיט טוריזם, עדזשוקעישען, דזשאבס און מיטן באריכערן פובליק פלעצער. די אנגייענדע שטיצע וועט העלפן ארגאניזאציעס אהערשטעלן די ממשיות'דיגע בענעפיטן פון קונסטווערק פאר ניו יארקער פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגליד דעניעל אָודאַנעל האט געזאגט,** "אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג פראיעקטן זענען מער פון בלויז גרענטס. זיי זענען ווי פינקען וואס צינדן אונטער שעפערישקייט און וואוקס אין ניו יארק'ס קונסט סעקטאר — דאס אלעס בשעת'ן פארשטערקערן טוריזם און שאפן דזשאבס. און דעפאר, אזוי ווי NYSCA'ס 'אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן קאסע' הויבט זיך אן פאר 2024, קען איך נישטווארטן צו זעהן וויאזוי זיי וועלן פארשטערקערן ניו יארק'ס פלאץ אלס א הויפט קולטורישע דעסטינאציע פאר באזיכער אריבער די וועלט."

**איבער די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק**

די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק איז צו פלעגן און פאראויס שטופן די פולע ספעקטרום פון ניו יארק סטעיט'ס קונסט, קולטור און שעפערישקייט פאר יעדן. כדי צו שטיצן די אנגייענדע ערהוילונג פון די קונסט פעלד אריבער ניו יארק סטעיט, וועט די קאונסיל פאר קונסטווערק פארטיילן 127 מיליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2024. די קאונסיל פאר קונסטווערק טוט ווייטער פאראויס שטופן ניו יארק'ס שעפערישע קולטור דורכן צוזאמברענגען פירער אין דעם פעלד און צושטעלן ארגאניזירונג און פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג געלעגנהייטן און אזוי אויך אינפארמאציע קוועלער. געגרינדעט דורך גאווערנאר נעלסאן ראקעפעלער אין 1960 און יעצט מיט די שטיצע פון גאווערנער קעטי האקול און די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור, איז די קאונסיל אן אגענטור וועלכע איז טייל פון די עקזעקיוטיוו ברענטש פון די רעגירונג. פאר מער אינפארמאציע איבער NYSCA, באזוכט ביטע [www.arts.ny.gov](http://www.arts.ny.gov) און פּאַלאָוט NYSCA'ס [Facebook](https://www.facebook.com) בלאט, אויף Twitter: [@NYSCArts](https://twitter.com/NYSCArts) און אויף Instagram: [@NYSCouncilontheArts](https://www.instagram.com/NYSCouncilontheArts).

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418



[זיך ארויסשרייבן]()